בס"ד

# פרד"ס יהודה

עלון שבועי באידיש ע"י יהודה זבולון הלוי קליטניק

**פרשת תזריע מצורע תשפ"ה** **גליון 791 [שנה י"ז]**

**תזריע דרוש נחמד פריערט איז מען מקריב די חטאת און נאכדעם די עולה**

וּבִמְלֹאת יְמֵי טָהֳרָהּ וגו׳ כֶּבֶשׂ בֶּן שְׁנָתוֹ לְעֹלָה וּבֶן יוֹנָה אוֹ תֹר לְחַטָּאת וגו׳ וְאִם לֹא תִמְצָא יָדָהּ דֵּי שֶׂה וגו׳ אֶחָד לְעֹלָה וְאֶחָד לְחַטָּאת: (יב ח) זאגט רש"י דאס וואס עס שטייט אֶחָד לְעֹלָה וְאֶחָד לְחַטָּאת. **לֹא הִקְדִּימָהּ הַכָּתוּב אֶלָּא לְמִקְרָאָהּ**, עס שטייט עֹלָה פאר די חטאת איז נאר ביים ליינען אין די תורה, **אֲבָל לְהַקְרָבָה חַטָּאת קוֹדֶם לְעוֹלָה**, אבער ביים מקריב זיין איז פריערט די חַטָּאת (מס׳ זְבָחִים דף צ׳ ע"א). איז שווער פארוואס איז דאס רש"י מסביר נאר אין (פסוק ח), און נישט אין (פסוק ו׳) וואס דארטן שטייט אויך פריערט עֹלָה און נאכדעם חַטָּאת? נאר עס איז דא א כלל ווען די תורה איז מקדים נאר איינמאל א זאך איז נישט קיין ראי׳ אז דאס איז פריערט, אבער ווען עס שטייט די זאך צוויי מאל, איז דאס א סימן אז מען דארף דאס מקדים זיין אזוי ווי עס שטייט אין די תורה, דעריבער אין (פסוק ו׳) וואס שטייט עֹלָה פריערט נאר איינמאל, איז נישט קיין ראי׳ אז מען דארף מקדים זיין די עֹלָה, אבער אז עס שטייט אין (פסוק ח׳) נאכאמאל פריערט עֹלָה, וואלט מען געמיינט אז מען דארף אזוי מקריב זיין פריערט די עֹלָה און נאכדעם די חַטָּאת, אזוי ווי עס שטייט, דעריבער מוז רש"י ברענגען דעם דרש אז דעם מקדים זיין עֹלָה איז נאר לקריאה, אבער לגבי הקרבה איז די חַטָּאת קודם. (דברי שאול הגאון ר׳ יוסף שאול נאטענזון אב"ד לעמבערג) און דאס זעהט מען אנפאנג סדר ויקרא פריערט איז די תורה מסביר די קרבן עולה פאר די חטאת, אין ספר **מאזני צדק** (הגאון ר׳ מענדל שפירא מסיגוט) שטעלט צו וואס עס ווערט געברענגט אין טור (או"ח סי׳ א׳) מען זאל זאגן יעדן טאג פרשת הקרבנות וז"ל **"כגון פרשת העולה ומנחה ושלמים וחטאת ואשם"**, און אזוי שטייט אין מחבר סעיף ה, ברענגט דער **מגן אברהם** אז א תלמיד האט געפרעגט אז חטאת איז דאך פאר עולה? ענטפערט דער **מגן אברהם** ווייל מען זאגט די תפילה וועגן א כפרה און עולה איז מכפר אויף א עשה און די גמ׳ (זבחים דף ז) שרייבט אז יעדער איד האט עובר געווען אויף א עשה, דעריבער שרייבט די טור און ב"י, עולה פריערט, ווייל מען זאגט דרך דעם יהי רצון כאילו הקרבתי עולה, אבער אויף די חטאת שרייבט דער טור אז מען זאל נישט זאגן יהי רצון ווייל עס איז נישט זיכער אז מען איז חייב א חטאת, וועגן דעם שטייט עולה פאר חטאת עכ"ד, אבער די מהרש"ל שרייבט אז מען קען יא זאגן יהי רצון נאך חטאת נאר מען זאל זאגן אם נתחייבתי חטאת יהא חטאת, ואם לאו יהא כקורא בתורה ע"כ, ממילא קען זיין פשט אין מהרש"ל אזוי ווי עס שטייט אין די תורה עולה פאר חטאת, דעריבער זאל מען פריערט זאגן די עולה און נאכדעם די חטאת ע"כ, א אינטרעסאנטע חידוש שטייט אין **פרי מגדים**, אויב א מענטש ווייסט אז ער האט עובר געווען אויף א לא תעשה און ער איז חייב א חטאת, זאל ער פריערט זאגן פון חטאת און נאכדעם פון עולה, ווייל להקרבה איז חטאת פריערט. (שמח זבולון תשפ"ה)

**מצורע~ דער עושר דארף אויך לעבן מיט א חשבון**

כִּי תָבֹאוּ אֶל־אֶרֶץ כְּנַעַן אֲשֶׁר אֲנִי נֹתֵן לָכֶם לַאֲחֻזָּה וְנָתַתִּי נֶגַע צָרַעַת בְּבֵית אֶרֶץ אֲחֻזַּתְכֶם: (יד לד) זאגט רש"י ז"ל דאס וואס עס איז געווען א נגע אין שטוב איז א גוטע בשורה ווייל די אֱמוֹרִיִּים האבן באהאלטן גאלד אין די ווענט און יעצט אז מען האט צובראכן די ווענט האט מען געפונען דעם אוצר (ויק"ר יז ו), שטייט ווייטער וְצִוָּה הַכֹּהֵן וּפִנּוּ אֶת הַבַּיִת בְּטֶרֶם יָבֹא הַכֹּהֵן לִרְאוֹת אֶת הַנֶּגַע וְלֹא יִטְמָא כָּל אֲשֶׁר בַּבָּיִת: (יד לז) מען האט געדארפט ארויס נעמען פון שטוב פרעגט רש"י וְעַל מֶה חָסָה תּוֹרָה? אויף וואס האט די תורה רחמנות געהאט? און ענטפערט אויף די כלי חרס וואס מען קען נישט מטהר זיין אין מקוה און מען וועט זיי מוזן צוברעכן, זעהט מען א מורה׳דיגן דערהער אז אפילו די בעלים זענען יעצט רייך געווארן פון טרעפן די גאלד, פונדעסטוועגן האט די תורה געזאגט מען דארף אכטונג געבן אויף די כלי חרס וואס דאס איז נישט ווערד אסאך, און דאס טרעפט מען ביי יעקב אבינו וואס אפילו ער איז געווען זייער רייך פונדעסטוועגן איז ער צוריק געגאנגען נעמען די פכים קטנים וואס האט נישט געהאט קיין ווערד, צו לערנען אז אפילו א עושר דארף אכטונג געבן און נישט זיךווארפן מיט זיין געלט, וואלט מען געקענט מיינען אז מען דארף זיין קארג, דעריבער שטייט אין דער פריערדיגע פרשה (פסוק לא–ב) וְעָשָׂה אֶת הָאֶחָד מִן הַתֹּרִים אוֹ מִן בְּנֵי הַיּוֹנָה מֵאֲשֶׁר תַּשִּׂיג יָדוֹ: אֵת אֲשֶׁר תַּשִּׂיג יָדוֹ אֶת הָאֶחָד חַטָּאת וְאֶת הָאֶחָד עֹלָה עַל הַמִּנְחָה, אז נאר דער ארימאן מעג ברענגען א תוֹר אדער בְּנֵי הַיּוֹנָה, אבער דער וואס האט געלט מוז ברענגען טייערע בהמות. (אהבת תורה פינחס איש הורוויץ קראקא תרס"ה)

## פרקי אבות פרק ב׳

**קריאת שמע און תפילה ברענגען יראת שמים**

רַבִּי שִׁמְעוֹן אוֹמֵר, הֱוֵי זָהִיר בִּקְרִיאַת שְׁמַע וּבִתְפִלָּה. וּכְשֶׁאַתָּה מִתְפַּלֵּל, אַל תַּעַשׂ תְּפִלָּתְךָ קֶבַע, אֶלָּא רַחֲמִים וְתַחֲנוּנִים לִפְנֵי הַמָּקוֹם בָּרוּךְ הוּא, שֶׁנֶּאֱמַר (יואל ב) כִּי חַנּוּן וְרַחוּם הוּא אֶרֶךְ אַפַּיִם וְרַב חֶסֶד וְנִחָם עַל הָרָעָה. וְאַל תְּהִי רָשָׁע בִּפְנֵי עַצְמְךָ: (פרק ב משנה יג) ערשטענס דארף מען פארשטיין פארוואס דארף שטיין וְאַל תְּהִי רָשָׁע "בִּפְנֵי עַצְמְךָ" און נישט פשוט וְאַל תְּהִי רָשָׁע? אויך דארף מען פארשטיין די המשך פון די משנה פון קריאת שמע און תפילה צו דעם? נאר עס שטייט אין די גמ׳ (ברכות דף לד ע"ב) **וכשחלה רבי יוחנן בן זכאי נכנסו תלמידיו לבקרו כיון שראה אותם התחיל לבכות וכו׳ אמרו לו רבינו ברכינו אמר להם יהי רצון שתהא מורא שמים עליכם כמורא בשר ודם אמרו לו תלמידיו עד כאן אמר להם ולואי תדעו כשאדם עובר עבירה אומר שלא יראני אדם.** זעהט מען אז דער תכלית פון יראת שמים איז ווען קיינער זעהט נישט זאל זיין וִיהִי מוֹרָא שָׁמַיִם עֲלֵיכֶם, אזוי ווי עס שטייט (ירמיהו כג כד) אִם יִסָּתֵר אִישׁ בַּמִּסְתָּרִים וַאֲנִי לֹא אֶרְאֶנּוּ נְאֻם ה׳: דער אויבערשטער זעהט אלעס אפילו אין דיין באהאלטעניש, דאס קען זיין פשט וואס שטייט וְאַל תְּהִי רָשָׁע "בִּפְנֵי עַצְמְךָ", ווען דו ביזט אליין "בִּפְנֵי עַצְמְךָ" און קיינער זעהט נישט, זאלסטו אויך מורא האבן פון טאן א עבירה, און די עצה צו האבן אזא יראת שמים איז מיט ליינען קריאת שמע וואס דורך ק"ש איז מען מקבל עול מלכות שמים, וואס דורכדעם וועט א מענטש ווערן נאנט מיטן אויבערשטן, און ממילא תפילה, דורך דאווענען, אויב דיין תפילה וועט זיין רַחֲמִים וְתַחֲנוּנִים לִפְנֵי הַמָּקוֹם בָּרוּךְ הוּא, וועסט רעדן מיטן אויבערשטן, אזוי ווערט מען נאנט צום אויבערשטן, ווייל קָרוֹב ה׳ דער אויבערשטער ווערט נאנט, לְכָל קֹרְאָיו לְכֹל אֲשֶׁר יִקְרָאֻהוּ בֶאֱמֶת, דער וואס רופט צו אים, דאס מיינט די משנה, אז דורך קבלת עול מלכות שמים און רעדן צום אויבערשטן, און ווערן נאנט מיט אים, וועט מען שטענדיג מורא האבן פון אים אפילו ווען קיינער זעהט נישט. (שמח זבולון תשפ"א תשפ"ה)


הוצא לאור ע"י יהודה זבולון הלוי קליטניק pardesyehuda1@gmail.com "עולם הספרים"

*מדור העובדות*

## *****דער הייליגער צדיק רב ייב"י שרייבט א בריוו פון עולם העליון צו ראטעווען זיין זון פון א משפט*****

הרה"ק רבי יעקב יוסף באוואוסט אלץ רב ייב"י (די ראשי תיבות: יעקב יוסף בן יהודה) איז געבוירן געווארן אין שנת תצ"ח צו זיין הייליגן טאטן הגאון רב יהודה ליב וואס איז געווען דער מגיד מישרים און דרשן, און דער רב פון שטאט אוסטרהא, אוקראינה. ווען רב ייב"י איז געווען 28 יאר אלט תשרי תקכ"ו איז זיין טאטע נפטר געווארן און אזוי ווי ער איז געווען א בעל כשרון און א תלמיד חכם האבן די שטאט אים ממנה געווען במקום אביו, רב ייב"י איז געווען א נאנטער תלמיד פון הייליגן מגיד פון מעזריטש און זיינע דרשות זענען געווען פול מיט חסידות מתלמידי בעש"ט או דאס האט שטארק געצויגן דעם עולם וואס האבן זיך דערנענטערט צו חסידות און רב ייב"י האט געפירט זיין חסידות וואס איז אנגעגאנגען ביז די צווייטע וועלט מלחמה.

ער האט געהאט דריי זין: הרה"ק ר' אליקים געץ וואס איז געווארן זיין ממלא מקום אלץ מגיד און א יאר נאכן הסתלקות פון טאטן (כ' תשרי תקנ"א) האט ער אויך געדרוקט דעם ספר רב ייב"י אין שנת תקנ"ב אין סלאוויטא, און דער הייליגער קדושת לוי פון בארדיטשוב שרייבט אין זיין הסכמה "איש אלוקים קדוש יאמר לו", אויך זיין ידיד הרה"ק ר' אשר פון אוסטרהא שרייבט "איש קדוש מבטן" "הספר הנ"ל שכולו יראת שמים תחלתו וסופו ותוך תוכו רצוף אהבה ויראת ה'". זיין ספר מורא מקדש וואס ער פייערט קעגן רעדן אין שול און ביים דאווענען, האט רב ייב"י געדרוקט אין שנת תקמ"ב. ער האט געהאט נאך צוויי זין: הרה"ק ר' פנחס וואס איז געווארן אדמו"ר, און רבי יהודה ליב וואס איז געווען א בעל הבית.

רבי יהודה ליב איז געגאנגען וואוינען אין שטאט בארדיטשוב, און ער האט געהאנדלט מיט פעל, און מיט די צייט האט ער געהאט א פאבריק וואס מאכט פעלצן פאר ווינטער מאנטלאך, און ער איז געווארן א בעל פרנסה, אז די געשעפטן האבן זיך פארבעסערט איז אים איינגעפאלן אז מען קען ברענגען פעל פון א ווייטע מדינה וואס איז העלף געלט וואס עס קאסט אים אין בארדיטשוב, און אזוי קענען פארדינען אסאך מער געלט, די געזעץ איז געווען אז מען טאר נישט אריין ברענגען פעל פון א אנדערע מדינה, און כל זמן קיינער ווייסט נישט פון דעם קען דאס אנגיין אבער ויהי היום האט איינער געמסרט פאר די ממשלה אז ר' יהודה ליב ברענגט אריין די פעל פון אויסלאנד, וואס אויב ער וואלט געפונען געווארן שולדיג קענען זיי צונעמען זיין גאנצע פארמעגן און חלילה אויך זיצן אין תפיסה אויף יארן לאנג.

ר' יהודה ליב האט געשיקט א שליח קיין מעזיבוז צום הייליגן אפטא רב צו מתפלל זיין פאר אים און דער שליח האט אהער געשטעלט דעם מצב אז מען וועט באלד שטעלן א טאג פון משפט און דערווייל וועט מען דארפן לייגן גרויס געלט אויף ערבות אז ער זאל נישט אנטלויפן, דער אפטא רב ליינט דער בריוו און ענטפערט א בריוו אז ער האט נישט וואס צו מורא האבן ווייל זיין טאטע רב ייב"י האט געהאט א שטארקע ווארט אין הימל, און בפרט יעצט נאך זיין הסתלקות וועט ער מרעיש עולמות זיין אז עס זאל נישט קומען קיין אומגליק פאר זיין זון.

ר' יהודה ליב האט דערהאלטן דעם בריוו און זיין פרוי האט מחליט געווען אז זי וועט פארן קיין אוסטרהא צום ציון פון איר הייליגן שווער און זי דערציילט איר שוואגער הרה"ק ר' אליקים געץ, וועגן וואס זי איז אנגעקומען, און האט איר געזאגט זי קען ביים אים איבער נעכטיגן, און אין טאג איז זי תיכף געגאנגען צום ציון און געזאגט תהלים און מתפלל געווען מיט גרויסע בכיות פאר שעהן לאנג, ביז עס איז געווארן פאר נאכט, און זי איז געגאנגען צו איר אכסניא זיך אפרוהען אויף די נאכט און מארגן אהיים פארן.

זי איז געווארן אביסל בארוהיגט און געהאט אמונה אין רייד פון הייליגן אפטא רב אז עס וועט זיין גוט, און זי איז געווען צופרידן אז זי האט געבעטן ביי איר שווער וואס וועט איר זיכער העלפן, און זי איז איינגעשלאפן, אינדערפרי ווען זי איז אויף געשטאנען, און געוואלט גיין, האט איר שוואגער געהייסן זי זאל עפעס עסן און ער האט פאר איר גוטע נייעס, און זי האט געגעסן און נאכן עסן פרעגט איר שוואגער צו זי דערקענט דעם כתב פון איר שווער? האט זי געענטפערט אז זי וועט זיכער דערקענען זיין כתב ווייל ער פלעגט שרייבן בריוו צו איר מאן און האט אייביג צוגעשריבן פאר איר אפאר ווערטער, און זי האט נאך די אלע בריוו און ליינט דאס כסדר, אויב אזוי הייסט ער זי אז זי זאל קומען ביי אים אין צימער, און ער גייט צו זיין טיש און עפענט דעם ליידל און נעמט ארויס א בריוו, און פרעגט איר צו זי דערקענט דעם כתב? און זי זאגט אז דאס איז פון איר שווער און ער הייסט איר דאס ליינען!

זי האט כמעט געחלשט ווען זי ליינט אז איר שווער שרייבט אז זיי זאלן זיך נישט זארגן פון די משפט ווייל זיין זון יהודה ליב וועט ארויסגיין אינגאנצן זכאי, און זי זעהט אז דעם בריוו איז געשריבן יענעם טאג! האט ר' אליקים געץ איר געזאגט אז דעם נאכט האט דער טאטע אליין געקומען און געברענגט דעם בריוו און געזאגט קלאר אז זיי זאלן זיך נישט זארגן, די שמחה איז געווען זייער גרויס ביי די פרוי, און מען האט זיך געזעגנט, און זי איז אהיים געפארן א אנדער מענטש.

די פרוי איז אהיים און דערציילט איר מאן אלעם וואס איז פארגעקומען מיט די בריוו, און ער איז אויך געווארן בארוהיגט, בסוף איז טאקע אויסגעקומען אז ביים משפט האט דער שופט געטראפן חן אין ר' יהודה ליב און אים באפרייט פון משפט, און רב יהודה ליב האט געקענט ווייטער פירן זיין געשעפט און געווארן זייער רייך, ר' יהודה ליב איז געפארן קיין מעזיבוז צום אפטא רב צו דערציילן די גוטע בשורה, און פון די בריוו וואס רב ייב"י האט אראפגעברעגט פון עולם העליון, און דער אפטא רב האט געזאגט אז ער האט שוין געזאגט פארן שליח אז רב ייב"י וועט נישט לאזן זיין זון פאלן, זיע"א. (ספר אמונת צדיקים ווארשא תר"ס)

הוצא לאור ע"י "עולם הספרים" מרכז העולמי לספרים שאינם בנמצא ולספרים עתיקים וכתבי יד צו פארקויפן

ספר מרכבת המשנה עם הגה מרבי עקיבא איגר $6500, מכתב ר' יונתן שטייף מבקש עזרה מר' יעקב רוזנהיים לקבל היתר יציאה מפעסט תש"א $1500 סעט שפתי צדיק פיליץ נדיר $1500 ג חתימות על דף של האמרי אמת מגור $1500 אמרי אלימלך דפו"ר גראדזיסק שייך להרה"ק ר' משה מסטאלין $3000 שו"ע חו"מ ח"א סלאוויטא רב משה $3500 שו"ע יו"ד ח"ב סלאוויטא $3200 13 כרכים שונים גמרות זיטאמיר $10000 אור המאיר עם הקדשת ר' מאיר שפירא $1000, תהלים בן ביתי דפו"ר $1500 תהלים זיטאמיר מצודות $24000 ספר דרכי האמונה יאם ידוע לשמירה דפו"ר נדיר $800 תהלים זיטאמיר מהסידור $6000 מכתב חתום מישיבת קאמינעץ תש"ט חתום ע"י הגאון ר' ראובן גרוזובסקי ור' נפתלי זאב לייבאוויץ $1200 ספר דרושים יקרים מהרה"ק ר' שלמה זלמן מקאפוסט $400, ערבי נחל שנתן הרה"ק מטאש זצוק"ל עם אישור $750, ספר מצות ה' שייך להרה"ק ר' דוד צבי מנײשטאדט בעל חמדת דוד בן הרה"ק ר' יחזקאל מקוזמיר $1500 ספר שנתן ובירך אדמו"ר מסקולען זצוק"ל $600 ספר צמח צדיק וויזניץ ג' חלקים דפוס ראשון שייך להגאון בעל שבט הלוי $1200 ספר מהרי"ל שייך להרה"ק ר' ברוך מוויזניץ בעל אמרי ברוך $2000 זוהר סלאוויטא תקפ"ז מצב יפה $26000 תקוני זוהר סלאוויטא ר' משה $9500 קדושת יו"ט דפו"ר שייך לבעל חלקת יהושע $1200, ספר שיטה מקובצת הקדשת הגאון ר' אברהם קאלמנאוויטש $800 חומש תורה תמימה ד' חלקים עם ד' הקדשות ארוכות של האדמו"ר בעל אמונת אברהם מפיטסבורג זצוק"ל $1800 ספר מהר"ם שיק עם הקדשת הקרן לדוד $2800 ספר עם חתימת הגאון בעל חמדת שלמה והרה"ק ר' יעקב אדמו"ר מיעזוב בן הרה"ק מטשעכנאוו $3500 מיר האבן א רשימה פון אונזערע ספרים 4403 - 16 Ave Brooklyn, NY 11204 USA ~ 718 - 438 - 8414 ~ 718 - 633 - 5500 Hours are 12 -7:30 Fri 11-1:30, To receive the pardes: pardesyehuda1@gmail.com or pickup in the store from Wednesday. check out our website www.seforimworld.com מיר פארקויפן עכטע זילבערנע מטבעות פאר פדיון הבן און פדיון נפש און אלטע געלט,